בעזהשי"ת

ספר

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

אִידִיש

ערשטע העלפט זוממער

תשע"ז

היכל הקודש

הכתובת להשיג את הספר הקדוש הזה וכל ספרי
אדמו"ר מוהר"ן מברסלב זי"ע וספרי תלמידיו הקדושים

To obtain this and other Breslov publications:

---

**היכל הקודש וויליאמסבורג**
HEICHAL HAKODESH WILLIAMSBURG
**27 Skillman Street**
**718-384-1652**

**היכל הקודש מאנסי**
HEICHAL HAKODESH MONSEY
**32 Dolson Rd.**
**347-733-7551**

**היכל הקודש קרית יואל**
HEICHAL HAKODESH KIRYAS JOEL
**8 Hayes Ct.**
**845-467-5299**

**היכל הקודש קרית יואל**
HEICHAL HAKODESH KIRYAS JOEL
**8 Premishlan Way**
**845-243-0563**

---

**בארץ ישראל:**

**מוסדות "היכל הקודש" חסידי ברסלב**

שע"י עמותת "ישמח צדיק-קהילת ברסלב בגליל"
בהסייתדות ע"י כ"ק מוהרא"ש זצוק"ל

**רחוב רבי נחמן מברסלב 1 ת.ד. 421 יבנאל 15225**

**טלפון רב קווי 04-6708356**

**פקס: 04-6708359**

---

Visit our website: www.breslevcity.co.il

לשמוע השיעורים: 212-444-9191

Find our entire book selection at:

**AMAZON.COM**

To donate and/or sponsor one of our books please call: **845-248-1651**

בעזהשי"ת - יום ד' פרשת בלק, י"א תמוז, שנת תשע"ז לפ"ק

**לכבוד ... ני"ו**

שלום וברכה.

איך פריי מיך זייער שטארק אז דו האסט ארויסגענומען א באנגעלאו דא אין קעמפ, וואו מיר וועלן זיך מחזק זיין מיט די הייליגע עצות וואס מוהרא"ש האט מיט אונז געלערנט פונעם הייליגן רבי'ן. ווער האט דאס געקענט גלייבן פאר אפאר יאר צוריק, אז מיר וועלן קענען זיך צוזאמנעמען 50 משפחות בלי עין הרע, צו זיין צוזאמען במשך דעם זומער.

איך וואלט דיר זייער שטארק געוואלט בעטן אז דו זאלסט אכטונג געבן אויף יעדע פרוטה פון די ישיבה; ווען דו זאלסט וויסן ווי שטארק איך מוטשע מיך צו קענען אנגיין טאג טעגליך מיט די ישיבה, חדר און סקול, וואלסטו נישט געקענט פארשטיין ווי אזוי איך האב נאך א קאפ מיט א מח צו קענען פארלערנען דרשות התחזקות יעדן טאג. איך ווייס אז ווען די הערסט דאס פון מיר, און ווען דו ליינסט דאס אין א בריוו - אז איך מוטשע מיך, אז די ראש ישיבה מוטשעט זיך פונקט אזוי ווי יעדע מוסד, אזוי ווי אלע מוסדות שרייען און שרייבן אז זיי מוטשען זיך, אבער וויסן זאלסטו אז אלע מוסדות מוטשען זיך טאקע, אבער ווען דו זאלסט וויסן וואס איך גיי אריבער טאג נאך טאג, וואלסטו זיכער מער אכטונג געגעבן, און מיר מער געהאלפן.

עס איז נישט שייך אויסצורעכענען יעדע פרט אויף וואס מען דארף אכטונג געבן וכו', אבער איך וועל דיר אנכאפן צום ביישפיל, אז מען לאזט אנגעצינדן די ערקאנדישן ווען מען איז נישט אין די באנגעלוי, אזוי אויך בעט איך זייער שטארק אז מען זאל אכטונג געבן בכלל אויף די לעקטער, מען זאל נישט לאזן ארבעטן די לעקטער אומזיסט, מען זאל נישט לאזן אנגעצינדן די לעקטער וואס מען דארף אויף ביינאכט - דורכן טאג, עס זעט אויס ווי א קלייניקייט - וואס איז שוין איין באלב? אבער דאס נעמט זיך צוזאם, און סוף זומער דארף מען באצאלן טויזנטער דאללער פון די לעקטער ביל.

אויך וויל איך דיר בעטן זייער שטארק, אז דו זאלסט זען אז ארום דיין באנגעלוי זאל זיין ריין און ציכטיג; איך רעד שוין נישט פון גארבידזש בעגס וואס עס איז אן עוולה אז מען לאזט דאס איבער דורכ׳ן טאג אדער נאכט ביי די באנגעלוי, און חיות קומען דאס עסן. נאר אפילו באקסעס, העלצער און קליינע שמוצלעך, זאלסטו אויך יעדן טאג צוזאמנעמען.

עס איז באוואוסט וואס דער רבי האט געזאגט: ״ווען קיסר׳ן און קעניגן וואלטן געוואוסט וואספארא דרך ארץ איך לערן פאר מיינע תלמידים, וואלטן זיי געשיקט זייערע קינדער צו מיר לערנען״; די שיחה זעט מען ממש ביי תלמידי היכל הקודש, וואס עס איז ממש אזוי ווי די רבי האט געזאגט, מ׳פירט זיך אויף מיט דרך ארץ וכו׳ וכו׳.

איך בעט דיר זייער שטארק אז זאלסט מיר ארויסהעלפן דעם זומער, און זיכער נישט מיר שווערער מאכן דעם זומער; ווען איך שפאציר ארום דא אין קעמפ, וויל איך האבן נחת פון דיר, און טראכטן: ״איך האב הנאה צו זען ווי שיין און איידל דו לעבסט, און ווי ריין און זויבער עס איז ביי דיר ארום דיין שטוב״.

מוהרא״ש ז״ל פלעגט שטענדיג זאגן פאר די בחורים: ״ווען איך גיי ארויף אין דארמיטארי, זע איך שוין אלעס; א בחור וואס זיין שטוב איז זויבער און צוזאמגענומען, זיין בעט איז ריין און ציכטיג, ווייס איך אז דאס איז א ערליכע בחור, און פארקערט אויך, א בחור וואס זיין שטוב איז אויפגעווארפן וכו׳, און נישט מסודר, ווייס איך אז דארט איז נישט דא קיין קדושה״.

קיינער קען נישט ברענגען קיין שום גאסט דא אין קעמפ; אויב א גאר נאענטער פון דיין משפחה וויל קומען צו דיר אויף א שבת אדער אויף א נאכט דא צו נעכטיגן, וויל איך אז דו זאלסט דאס פון פאראויס איבערשמועסן מיט מיר.

דער אייבערשטער זאל העלפן אז מיר זאלן זוכה זיין, און מיר זאלן ווערן אנגעזאפט מיט אמונה דא אין קעמפ; מיר זאלן מאכן די ריכטיגע הכנה צום יום הדין. פארגעס נישט אז מיר פארן שוין קיין אומאן אי״ה אין **11** וואכן ארום, און ווי מער

מיר ווען אויסנוצן די צייט דא במשך דעם זומער - צו שמועסן מיט אייבערשטן, און ווי מער מיר ווען אריינכאפן פרקים משניות און דפים גמרא, דאס ווען מיר מיטנעמען צום הייליגן רבינ׳ס ציון, און זוכה זיין צו א גוט געבענטשט יאר.

א געזונטן זומער.

...

~~~~~~~~~~~

בעזהשי״ת - יום ג׳ פרשת מטות מסעי, כ״ד תמוז, שנת תשע״ז לפ״ק

**לכבוד ... ני״ו**

אשרינו מה טוב חלקינו ומה נעים גורלינו אז מיר האבן זוכה געווען צו וויסן פון הייליגן רבי׳ן; דער רבי לערנט אונז אויס אז מיר זאלן זיך דערהאלטן אפילו עס איז זייער שווער, און אפילו אז מען האט שווערע נסיונות וכו׳ וכו׳, זאל מען עס אדורך שטופן און גלייבן באמונה שלימה אז אלעס איז לטובה.

איך וויל דיר זייער בעטן אז דו זאלסט היינט אנהייבן מסכת סנהדרין; נעכטן האבן מיר זוכה געווען צו ענדיגן מסכת בבא בתרא, און היינט הייבן מיר אן א נייע מסכת, איך בעט דיר מיין ליבער טייערע ..., כאפ דיך מיט; עפען די גמרא יעדן טאג און לערן א דף גמרא, אפילו דו פארשטייסט נישט וואס דו לערנסט - דאך זאלסטו זאגן די ווערטער פון די גמרא, ווייל יעדעס ווארט תורה וואס א מענטש איז זוכה צו לערנען דא בזה העולם ווערט ער מיט דעם נענטער צום אייבערשטן. דער רבי זאגט (שיחות הר״ן, סימן יט): ״אפילו א מענטש וואס איז אראפ געפאלן אין שלעכטע מעשים, ער טוט נעבעך עבירות, ער זינדיגט וכו׳ וכו׳; דאך, אויב וועט ער יעדן טאג לערנען תורה וועט ער ווערן אן ערליכער איד, און ער וועט ארויס קריכן פון זיין בלאטע״.
~~~~~~~~~~~

איך קום נישט אן צו שרייבן יעדן טאג פאר דיר א בריוו, אבער היינט האב איך זיך געמאכט צייט דיר צו שרייבן אפאר ווערטער, ווייל איך וויל זייער שטארק אז דו זאלסט אנהייבן פון היינט מיט א שטארקייט יעדן טאג צו לערנען א דף גמרא.

אויך זאלסטו זיך צוגעוואוינען צו בעטן דעם אייבערשטער אויף יעדע זאך וואס באדערט דיר; גלייב מיר, עס איז נישט דא קיין מענטש אויף דער וועלט וואס האט נישט קיין צרות ויסורים, יעדער איינער האט ווייטאגן, און עס איז נישטא דא קיין שום פלאץ וואו מען קען אנטלויפן פון די צרות נאר צו די תורה און צום אייבערשטן.

זיי מיר געזונט און שטארק; איך בעט פאר דיר יעדן איינציגסטן טאג אז דו זאלסט מצליח זיין אין אלע דיינע ענינים.

...

~~~~~~~~~~

בעזהשי"ת - יום ד' פרשת מטות מסעי, כ"ה תמוז, שנת תשע"ז לפ"ק

**לכבוד... ני"ו**

איך האף אז דו שטארקסט זיך אין אמונה; וויסן זאלסטו אז דער אייבערשטער פירט דער וועלט בצדק ובמשפט, און יעדע זאך איז מיט א פונקטליכער חשבון. און אז מיר פארשטייען נישט, און מיר האבן קשיות - דארפן מיר תשובה טון, און אסאך בעטן דעם אייבערשטן אז מען זאל נישט האבן קיין קשיות אויף אים. דער רבי זאגט (ליקוטי מוהר"ן, חלק ב', סימן מט) אז "קשיא" איז ראשי תיבות (תהלים כז, ז): "שְׁ'מַע ה' קִ'וֹלִי אֶ'קְרָא", אז אויב מען האט קשיות אויף די אמונה, איז דא אויף דעם נאר איין עצה, צו שרייען צום אייבערשטן און אים בעטן: "הייליגע באשעפער, איך וויל האבן אמונה אין דיר, איך וויל גלייבן אז אלעס פירסטו, און אלעס איז נאר לטובה".

מוהרא"ש ז"ל פלעגט האבן אויף געשריבן אויף זיין טיש יארן לאנג דעם פסוק (דברים לב, ד): "אֵל אֱמוּנָה וְאֵין עָוֶל, צַדִּיק וְיָשָׁר הוּא"; דאס האט מוהרא"ש גע'חזר'ט
~~~~~~~~~~

מיט אונז אלע יארן - 'אמונה', אז מיר זאלן זיך נישט פארלירן, און אפילו עס גייט אריבער שווערע מצבים, דאך זאלן מיר ווייטער האפן צום אייבערשטן.

זע צו לערנען אביסל חומש יעדן טאג, אזוי וועסטו ענדיגן יעדע וואך די סדרה שנים מקרא ואחד תרגום, בפרט די וואך וואס עס גייט צוויי לאנגע סדרות - מטות מסעי. מען איז מסיים די וואך 'סדר במדבר'; אויב מען פאלגט א צדיק איז מען זוכה צו גרויסע זאכן, דאס אליין איז דער גרעסטער זאך, אז מען קוקט אויף זיך און מען זעט א מופת: 'איך פשוט'ער מענטש, וואס איך ליג וואו איך ליג, איך קוק וואס איך קוק ה'', און איך טו וואס איך טו, קומט א צדיק און מאכט מיר לערנען יעדן טאג אביסל חומש, א פרק משניות, א דף גמרא', דאס איז דער גרעסטער זאך וואס מען קען נאר באווייזן - דאס איז א מופת!

איך געדענק ווען איך פלעג ברענגען פאר מוהרא"ש ז"ל פינף הונדערט דאללער פאר יעדע חלק 'אשר בנחל', צו האבן א חלק אין הדפסה, און צו זוכה זיין צו די הבטחה וואס מוהרא"ש זאגט צו אז ווער עס וועט העלפן דרוקן דעם ספר אשר בנחל וועט האבן א ישועה,; איינמאל ביים איבערגעבן דאס געלט האב איך מיך אנגערופן צו מוהרא"ש אז איך ברענג יעדע וואך געלט און איך וויל א ישועה, מוהרא"ש קוקט מיר אן, און זאגט מיר: "און דאס אז דו קומסט דא, איז נישט קיין נס? דאס איז נישט קיין ישועה?" ווען איך בין ארויס פון צימער האב איך אנגעהויבן צו טאנצן פאר שמחה, און איך האב געדאנקט דעם אייבערשטן אויף די גרויסע נס וואס ער האט געמאכט, און ער מאכט מיט מיר, אז איך האב זוכה געווען צו מקורב ווערן צו א רבי וואס ברענגט מיר צום אייבערשטן.

איך בוי יעצט א בנין אין אומאן וואו מיר וועלן קענען זיין צוזאמען אויף ראש השנה; געווענליך בעט איך נישט קיין געלט פון דיר, אבער יעצט איז אן אויסנאם, ווייל עס קאסט מיר פונקט א מיליאן דאללער דער בנין. מיר בויען א גרויסע שול מיט א מקוה, און צימערן צו שלאפן - אויסדריקליך נאר פאר מיינע תלמידים, און דו וועסט אויך הנאה האבן אז מיר וועלן האבן א פינת יקרת.

דערפאר בעט איך דיר אז דו זאלסט ביישטייערן צום בנין, און דייקא מיר איבערגעבן דאס געלט, און איך וועל מתפלל זיין פאר דיר און פאר דיין משפחה.

זיי געזונט און שטארק, און זאלסט האבן הצלחה אין אלע דיינע ענינים.

...

~~~~~~~~~~

בעזהשי"ת - יום ה' פרשת מטות מסעי, כ"ו תמוז, שנת תשע"ז לפ"ק

**לכבוד ... ני"ו**

איך האף אז דו האסט שוין געקויפט א טיקעט צו פארן צום רבינ'ס ראש השנה; דער רבי האט געזאגט (חיי מוהר"ן, סימן תה): "די גאנצע וועלט שטייט אויף מיין ראש השנה; איך האב דאס באקומען, נישט בירושה פון מיינע זיידעס, נאר א מתנה פונעם אייבערשטן - אז איך ווייס וואס ראש השנה איז". פאר דאס לעצטער יאר פונעם רבינ'ס לעבן, ווען דער רבי האט געוואלט ארויס ברענגען דאס גרויסקייט פון קומען צו אים אויף ראש השנה, האט דער רבי זיך אנגערופן: "וואס זאל איך אייך זאגן, קיין גרעסערס פון דעם איז נישט פאראנען, איי אנדערע צדיקים זאגן נישט אזוי, איז נאך א קשיא אויף מיר, אלע דארפן זיין ביי מיר ראש השנה (חיי מוהר"ן, סימן רכ)".

פאר יעדן איינעם קומט עס אן שווער, און עס איז נישט דא קיינער וואס קומט קיין אומאן אן מניעות; איינער האט מניעות אז ער האט נישט קיין געלט, איינער האט מניעות פון זיין ווייב, איינער האט מניעות פון די משפחה - מען רודפ'ט אים וכו' וכו', און נאכדעם איז דא דער גרעסטער מניעה פון אלע מניעות - מניעות המח, ווען דער מענטש אליינס הייבט אן צו האבן ספיקות און בלבולים צי ער זאל יא פארן צי ער זאל נישט פארן. יעדער איינער האט זיך זיינע שוועריקייטן; איז וואויל פאר דעם מענטש וואס צעברעכט אלע זיינע מניעות, און ער פאלגט דעם הייליגן רבי'ן וואס ער האט אונז באפוילן אז מיר זאלן קומען צו אים אויף ראש השנה.
~~~~~~~~~~

מוהרא״ש ז״ל פלעגט שטענדיג זאגן ביי די שיעורים: ״ווען דער רבי וואלט ווען נישט געהייסן קומען צו אים קיין אומאן אויף ראש השנה, וואלט איך געווען דער ערשטער וואס וואלט נישט געגאנגען, ווייל עס איז מיר זייער שווער, אבער וויבאלד דער רבי האט אזוי געהייסן, דארף מען אלעס לייגן אין דער זייט, און פארן מיט מסירת נפש״; דערפאר בעט איך דיר, זע זיך צו שטארקן אויף אלע דיינע בלבולים און מאך דיר א טיקעט שוין יעצט, ווען די פרייזן זענען נאך נידעריג, און ווארט נישט אויף דער לעצטער מינוט. פרעג נישט קיינעם קיין שאלות צי דו זאלסט יא פארן צי נישט.

מאך זיך א חשבון: ווען דו וואלסט ווען געהאט א משפט, ווי מען גייט דיר משפט׳ן דיין לעבן און דיין ווייב׳ס לעבן וכו׳ וכו׳, וואלסטו געטון אלעס אויף דער וועלט צו נעמען א גוטער לויער, דו וואלסט נישט געקוקט אויף געלט, צו אויף משפחה וכו׳ וכו׳, כדי דו זאלסט ארויס גיין זכאי בדין, יעצט פרעג איך דיר, ווען עס קומט דער גרויסער טאג - דעם יום הדין ראש השנה, וואס דער אייבערשטער זיצט על כסא רם ונשא, און משפט יעדן איינציגסטן מענטש, וְכָל בָּאֵי עוֹלָם יַעַבְרוּן לְפָנָיו כִּבְנֵי מָרוֹן (ראש השנה יח.), און קיינער ווייסט נישט וואס עס ווארט אים אפ דעם קומענדיגן יאר, מִי יִחְיֶה וּמִי יָמוּת, מִי בָאֵשׁ וּמִי בַמַּיִם (פיוט ונתנה תוקף), און אזוי ווייטער יעדע פרט פון זיין לעבן, און דא איז דא א רבי, א צדיק וואס האט געזאגט אז מען זאל קומען צו אים, און ער וועט אונז אריבער פירן פארן אייבערשטן, און אונז געבן א גוט יאר; וואס איז בכלל דא א מניעה אויף דעם? א מענטש וואלט דאך געטון אלעס אין דער וועלט אז ער זאל האבן א גוטע לעבן!

דערפאר טייערע ברודער ..., פאלג דעם רבי׳ן; גענוג זיך אנגעפלאגט דעם גאנצן יאר, מאך א טיקעט, און בעט דעם אייבערשטן אז דו זאלסט זוכה זיין צו זיין ראש השנה ביים רבי׳ן.

ווי אזוי קענסטו פארגעסן וואס עס איז געווען דעם לעצטן יאר ווען מוהרא״ש ז״ל איז געקומען צום רבי׳ן מיט א מורא׳דיגע מסירות נפש; די רעבעצין האט געדארפט אריבער גיין אן אפעראציע ערב ראש השנה וכו׳, און דאך איז מוהרא״ש

געקומען צו פארן מיטן גרעסטן מאס מסירות נפש, און נאך מער וועל איך דיר דערציילן, אז זומער תשע"ד האט מיר מוהרא"ש ז"ל אנגערופן, און מיך געפרעגט צי איך האב שוין א פלאץ פאר די בחורים פון ישיבה, פרעג איך מוהרא"ש: "וואס וויל מוהרא"ש, מיט וואס קען איך העלפן?" האט מיר מוהרא"ש געבעטן א טובה: "לייג מיר אוועק צוויי בעטן - פאר מיר און פאר מיין זון נחמן, ווייל מען סטראשעט מיר אז איך גיי נישט האבן מיין פלאץ - דעם מעגאמעטער, דערפאר בעט איך דיר א טובה, לייג מיר אוועק צוויי בעטן אז איך זאל קענען זיין ראש השנה ביים רבי'ן, איך דארף נישט גארנישט, נאר דיינע בחורים, מיר וועלן דאווענען מיט א קליין מנין וכו' וכו'", האב איך געזאגט פאר מוהרא"ש אז איך בין גרייט ארויס צו נעמען דעם מעגאמעטער, זאל זיין וואס זאל זיין, אבי מוהרא"ש זאל קענען האבן דאס גרויסע מנין, האט מיר מוהרא"ש געזאגט: "איך דארף נישט גארנישט, איך וויל נאר פאלגן דעם רבי'ן".

איך בין נאך אלץ אין שאק פון דעם טעלעפאן געשפרעך וואס מוהרא"ש האט דעמאלט גערעדט צו מיר; פון איין זייט איז דאס מיר געווען א גרויסער חיזוק, אז מוהרא"ש האט מיר גערופן אז ער וויל ביי מיר א בעט, און פון אלע תלמידים האט מוהרא"ש געשפירט באקוועם ביי מיר, אבער פון די אנדערע זייט האב איך ארויס גענומען א לימוד פאר מיר, אז עס זאל זיין וואס זאל נאר זיין, דארף מען קומען צום רבי'ן, אפילו דו פארלירסט אלעס וכו'.

אויך וויל איך דיר בעטן מיין טייערע תלמיד, עס איז זייער וויכטיג אז מען זאל זיין צוזאמען, בפרט אין אומאן, וואס דארט קומען אן מענטשן פון די גאנצע וועלט, אוןליידער זענען דא זייער אסאך מענטשן אין ברסלב וואס לאכן און שפעטן אפ פון תלמידי היכל הקודש, כאילו מיר זענען נישט קיין ברסלב'ער, נאר זיי זענען די עכטע ברסלב'ער חסידים. מוהרא"ש פלעגט מיר בעטן יעדע יאר: "זע אז אלע דיינע תלמידים זאלן זיך האלטן צוזאמען - עסן צוזאמען און שלאפן צוזאמען"; געלויבט דעם אייבערשטן אז מיר האבן שוין די לעצטע פאר יאר אן אייגענע פלאץ וואו צו עסן די סעודות צוזאמען, און דאווענען צוזאמען און לערנען צוזאמען. דער אייבערשטער האט מיר געגעבן געטרייע תלמידים וואס זיי העלפן מיר שלא על מנת לקבל פרס, נאר

מַה אֲנִי בְּחִנָּם, אַף הֵם בְּחִנָּם; זיי דארפן נישט גארנישט, זיי מאכן נישט קיין געלט, און זיכער נישט קיין כבוד - אויב עפעס צערייסן זיי זיך אז אלעס זאל קלאפן, און זיי געבן אוועק זייער רוחניות און גשמיות, נאר אז מיר זאלן האבן א פלאץ, א פינת יקרת; ה״ה יחזקאל סאמעט נ״ו און העניך אינדיג נ״ו וואס זיי העלפן מיר אזוי געטריי.

זע צו נעמען א בעט, און צו באצאלן צייטליך; אזוי קענען מיר שוין מאכן די ריכטיגע צוגרייטונגען אויף ראש השנה. ועל כולם וויל איך דיר בעטן, אז דו זאלסט אנטייל נעמען אין דעם נייעם בנין וואס איך בוי אין אומאן פאר אונז תלמידי הישיבה. איך האב נישט ליב צו בעטן קיין געלט פון מענטשן, גלייב מיר, אסאך מאל האב איך נישט פשוט צו קויפן אויף שבת, אבער איך וועל קיינמאל נישט בעטן פון א מענטש געלט. מוהרא״ש ז״ל האט מיר אויסגעלערנט, אז ווען מען דארף געלט גייט מען נאר צום אייבערשטן, אדרבה, ברענג מיר נאך א ראש ישבה וואס האט נישט קיין איין דאללער אוועק געלייגט פאר זיך, צי פאר זיינע קינדער. מיין גאנצע געלט האב איך אוועק געגעבן נאר פאר מוהרא״ש ז״ל, און פאר די ישיבה, אז דו טייערע תלמיד... זאלסט האבן א פלאץ וואו צו קענען לעבן מיטן אייבערשטן.

איך האב מיר געמאכט א חשבון וויפיל געלט איך האב געגעבן פאר מוהרא״ש במשך די צען יאר וואס איך האב זוכה געווען צו זיין ביי מוהרא״ש ז״ל, און דאס קומט אויס א פערטל מיליאן דאללער, קוק נישט אן ווי איך בין מגזם, נאר רעכן עס אליינס אויס; איך האב געצאלט די גראסערי יעדע וואך במשך דריי יאר, איך האב געצאלט מוהרא״ש׳ס טיקעט קיין אומאן פאר דריי יאר, סיי פאר מוהרא״ש און סיי פאר זיין זון ..., און ... מיט זיין זון; יעדעס יאר פאר פסח האב איך געברענגט איבער צוואנציג טויזנט דאללער, און יעדע ליל שישי האב איך געגעבן פינף הונדערט דאללער וכו׳ וכו׳, און גלייב מיר, איך האב חרטה פארוואס איך האב נישט געגעבן יעדע פרוטה וואס איך האב געהאט. איך טראכט צו מיר ׳אפשר וואלט איך געקענט אראפ נעמען פון מוהרא״ש א חלק פון זיינע חובות, און אים גרינגער מאכן דאס לעבן׳.

איך האב דיר נאר אביסל געשריבן, וואס באמת האב איך נאך אסאך צו שרייבן וכו', אבער איך וויל אז דו זאלסט מיר העלפן ענדיגן דעם בנין; עס קאסט מיר א מיליאן דאללער צו ענדיגן דעם בנין, און ווען מיר האבן דאס געלט וואלטן מיר נאך געקענט זיין דארט דאס יאר. אי"ה אין אומאן וועל איך ווייזן דעם בנין פאר אלע וואס העלפן מיר דאס בויען.

פון אלע בחורים מיינע תלמידים בעט איך אז זיי זאלן מיר געבן לכל הפחות טויזנט דאללער, און מען וועט ארויף שרייבן דעם נאמען אויף א טאוול.

איך דארף לויפן צו די בחורים, זייט געזונט.

...

~~~~~~~~~~

בעזהשי"ת - ערב שבת קודש פרשת מטות מסעי, כ"ז תמוז, שנת תשע"ז לפ"ק

**לכבוד ... ני"ו**

איך בעט דיר זייער, געב זיך אכטונג פון כעס; חז"ל זאגן (שבת קה:): "כל הכועס כאילו עובד עבודה זרה", ווער עס רעגט זיך אויף איז אזוי ווי ער דינט עבודה זרה; ווייל מיט דעם וואס ער ווערט בכעס, ווייזט ער אז ער גלייבט נישט אינעם אייבערשטן, ווייל ווען א מענטש האט אמונה אינעם אייבערשטן - ער גלייבט אז קיין שום זאך געשעהט נישט פון זיך אליין, איז אפילו ווען עס גייט אים נישט ווי אזוי ער וויל, ווייסט ער אז דאס איז אלעס דער אייבערשטער אליין וואס פרובירט אויס דעם מענטש.

דער רבי זאגט (ליקוטי מוהר"ן, חלק א', סימן סח) אז ווען א מענטש ווערט אין כעס פארלירט ער זיין געלט, און יעדעס מאל ווען עס דארף קומען א גרויסע עשירות צום מענטש, קומט דער ס"מ און ברענגט א נסיון אז דער מענטש זאל זיך אויפרעגן, און ווען דער מענטש רעגט זיך אויף פארלירט ער דאס עשירות וואס ער וואלט ווען
~~~~~~~~~~

באקומען; און דער רבי זאגט (שם) אז אפילו דער מענטש ווייסט דאס פון פאראויס - אז דורכ'ן ווערן אין כעס וועט ער פארלירן זיין געלט, מיט דעם אלעם איז עס אזא גרויסע נסיון אז דער מענטש ווערט פארלוירן און ער רעגט זיך אויף.

בפרט פרייטאג ערב שבת קודש דארף מען מער אכטונג געבן זיך נישט אויפצורעגן אין שטוב; דער הייליגער חיד"א שרייבט אז ערב שבת קומט דער שטן אין יעדן שטוב, און ער ווארט נאר אז עס זאל אויסברעכן א מחלוקת צווישן מאן און ווייב, ווייל ער האט זייער מורא ווען די מאן און ווייב פארטראגן זיך, בעיקר שבת קודש, ווייל ווען די מאן און ווייב פארטראגן זיך און לעבן צוזאמען באהבה ושלום, דעמאלט האט ער נישט קיין שום שליטה אויף זיי, און ער ווערט ארויס געטריבן פון אזא סארט שטוב. דערפאר דארף מען זייער אסאך בעטן דעם אייבערשטן אז מען זאל זיך נישט קריגן, עס זאל גארנישט אנגיין, און מען זאל זיך נישט בייזערן אויף יעדע קלייניקייט וואס פאסירט.

די וואך שבת איז מען מסיים סדר במדבר; געלויבט דעם אייבערשטן אז מיר האבן זוכה געווען אז מוהרא"ש האט דאס אזוי אריין געבאקן אין אונז, אז מיר זאלן יעדן טאג נעמען א חומש און מעביר סדרה זיין, זונטאג ביז שני, מאנטאג ביז שלישי, דינסטאג ביז רביעי, וואס אזוי איז מען זוכה צו מקיים זיין די הלכה (שלחן ערוך, אורח חיים, סימן רפה, סעיף ג): "חייב אדם להעביר הסדרה שנים מקרא ואחד תרגום עם הציבור, שכל המשלים פרשיותו עם הציבור מאריכין לו ימיו ושנותיו", ווער עס איז מעביר סדרה וועט האבן אריכת ימים ושנים.

דער אריז"ל שרייבט אז מען זאל עס טון פרייטאג ערב שבת, אבער א מענטש טאר זיך נישט לאזן נארן, און מען דארף אייביג קוקן אויף זיך, און זיך מאכן א חשבון: וואס טו איך? איך האב געפעגט א חומש די וואך? איך האב מעביר סדרה געווען פאריגע וואך? און אז מען פאלגט וואס מוהרא"ש זאגט, אז מען זאל אנהייבן פון זונטאג, און יעדן טאג זאל מען אביסל לערנען, דעמאלט איז מען זוכה אז מען ענדיגט יעדע וואך די סדרה, און מען איז זוכה צו לעבן מיט די פרשה יעדן טאג.

איך וואונדער מיך צו זען ביי אונז אין בית המדרש אינגעלייט תלמידי הישיבה וואס שבת ביים דאווענען נעמען זיי דעם חומש אן זיי הייבן אן מעביד סדרה זיין; קודם כל דארף מען געדענקען וואס מוהרא"ש האט אונז געזאגט, אז ווען מען דאווענט דאווענט מען, און ווען מען לערענט לערענט מען, מען מישט נישט אויס די יוצרות. און וויסן זאלסטו אז א קינד וואס זעט ווי זיין טאטע דאווענט נישט, נאר ער שמועסט אדער ער לערנט אגאנצן דאווענען, איז ברור אז דאס קינד וועט אויך נישט דאווענען ה"י; צוויי טענס, וואס טוסטו א גאנצע וואך? פארוואס זאלסטו נישט לערנען יעדן טאג אביסל חומש מיט רש"י? אז מען איז זיך מבטל צו א צדיק איז מען זוכה צו אלע מדריגות.

זאלסט האבן א פרייליכן שבת.

...

איך בעט נאכאמאל אלע מיינע תלמידים: "העלפט מיר אויפבויען דעם בנין אין אומאן".

~~~~~~~~~~~

בעזהשי"ת - יום ב' פרשת דברים, ראש חודש מנחם-אב, שנת תשע"ז לפ"ק

**לכבוד מרת ... תחי'**

איך האב ערהאלטן אייער בריוו.

איך האב נישט קיין אפיס אין קעמפ, דערפאר קום איך נישט אן צו זען די בריוו וואס מענטשן שיקן מיר, אבער פון צייט צו צייט גיי איך אין ישיבה אפיס, און דארט זע איך די בריוו וואס מענטשן שרייבן מיר, און איך בין זיך משתדל צו ענטפערן דערויף.

אודאי זאלסטו זיך אריבער כאפן קיין אומאן צום הייליגן רבינ'ס ציון; פון ארץ ישראל איז גרינגער זיך אריבער צו כאפן מזמן לזמן, און דו זאלסט זיך אויסגיסן דיין
~~~~~~~~~~~

הארץ ביים הייליגן רבי׳ן. פארשטייט זיך אז דאס דארף זיין מיט די הסכמה פון אייער מאן וכו׳.

איך האב געהערט ווי אייער אינגל זינגט אזוי שיין, דער אייבערשטער זאל אייך געבן אסאך נחת פון אייערע קינדער בזכות וואס איר פארשפרייט דעם הייליגן רבינ׳ס עצות פאר די גאנצע וועלט.

...

~~~~~~~~~~

בעזהשי״ת - יום ב׳ פרשת דברים, ראש חודש מנחם-אב, שנת תשע״ז לפ״ק

**לכבוד ... ני״ו**

איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

דער רבי זאגט (ליקוטי מוהר״ן, חלק ב׳, סימן נב) אז אויפן אייבערשטן איז דא קשיות, און דאס איז זיין גרויסקייט; ווייל אויב וואלטן מיר אלעס פארשטאנען, וואלט געווען ח״ו זיין שכל ווי אונזער שכל, דערפאר קען מען נישט פארשטיין דרכי המקום; אבער מיר דארפן גלייבן באמונה שלימה, אז אלעס וואס דער אייבערשטער טוט איז גוט, און אלעס איז בהשגחה, און מען דארף שטענדיג חזר׳ן דעם פסוק (דברים לב, ד): ״הַצּוּר תָּמִים פָּעֳלוֹ, כִּי כָל דְּרָכָיו מִשְׁפָּט, אֵל אֱמוּנָה וְאֵין עָוֶל, צַדִּיק וְיָשָׁר הוּא״, אלעס וואס דער אייבערשטער טוט, איז מיט א פונקטליכער חשבון.

איך האב הנאה אז דו שטארקסט זיך, און דו לערנסט משניות; דו שרייבסט מיר אז דו גייסט שוין מסיים זיין דאס פערטע מאל ששה סדרי משנה, וואויל איז דיר און וואויל איז דיין חלק. דער רבי האט געזאגט (שיחות הר״ן, סימן יט) אז אויב א מענטש וועט יעדן טאג לערנען משניות, אפילו ער זאל זיין זייער א זינדיגער מענטש, וועט ער אלעס פארעכטן, ווייל תורה האט אין זיך א כח צוריק צו ברענגען יעדן איינעם צום אייבערשטן.
~~~~~~~~~~

שטארק דיך און גיי אן ווייטער מיט דיין שיעור אין משניות, וועסטו אלעס פארעכטן.

כל טוב.

...

~~~~~~~~~~~

בעזהשי"ת - יום ב' פרשת דברים, ראש חודש מנחם-אב, שנת תשע"ז לפ"ק

**לכבוד ... ני"ו**

איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

קודם כל דארפסטו זיך זייער שטארקן אז דו ביסט זוכה צו פארשפרייטן דעם הייליגן רבי'ן, זיינע עצות און זיינע תורות, פאר טויזענטער מענטשן; חז"ל זאגן (יומא פז.): "כָּל הַמְזַכֶּה אֶת הָרַבִּים אֵין חֵטְא בָּא עַל יָדוֹ, כְּדֵי שֶׁלֹּא יְהֵא הוּא בַּגֵּיהִנֹּם וְתַלְמִידָיו בְּגַן עֵדֶן", ווען א מענטש ברענגט צוריק מענטשן צום אייבערשטן, העלפט מען דעם מענטש אז ער אליין זאל ווערן א גרויסער צדיק, ווייל עס קען נישט זיין אז דער מענטש זאל זיין אין גיהנום און זיינע תלמידים אין גן עדן; דערפאר טייערער ..., אז דער אייבערשטער האט דיר געהאלפן אז עס איז דיר אריין געפאלן אין דיין חלק אזא זכות הרבים - מזכה זיין מענטשן מיט די ליכטיגע עצות וואס דער הייליגער רבי האט אונז געלערנט, אויפן וועג ווי אזוי מוהרא"ש ז"ל האט עס אונז איבערגעגעבן - בדרכי נועם וכו', דארפסטו זיך זייער מחזק זיין מיט דעם, און זיך שטארקן מיט אלע דיינע כוחות צו זיין פרייליך, און צו זיין בשמחה.

דאס וואס דו שרייבסט מיר אז דו האסט חובות, און עס דרוקט דיר אויפן קאפ, אז דו שפירסט ממש ווי עס טרעט דיר צו צום מח וכו'; מה אומר לך אהובי אחי, ליבער בדודער: עס איז נישט דא וואו צו לויפן, עס איז נישט דא וואו צו גיין, נאר איין פלאץ - צום אייבערשטן!
~~~~~~~~~~~

יעדער מענטש האט זיינע שוועריקייטן אין לעבן, און יעדן איינעם פרובירט מען אויס אויף אן אנדערע סארט וועג. אפילו א מענטש וואס מען האט אים אויספרובירט און ער איז בייגעשטאנען א נסיון, קומט א פרישע נסיון, און מען פרובירט אים אויס פון פריש אויב ער וועט זיך דערהאלטן. דא קומט אריין דער הייליגער רבי אין בילד; ווייל דער רבי איז אונז מחזק אז מיר זאלן נישט צעפאלן, נאר מיר זאלן ווייטער גלייבן אינעם אייבערשטן אז עס איז מלא כל הארץ כבודו, און אז ער איז דער זָן וּמְפַרְנֵס לַכֹּל, וּמֵטִיב לַכֹּל, וּמֵכִין מָזוֹן לְכָל בְּרִיּוֹתָיו אֲשֶׁר בָּרָא.

דו שרייבסט מיר: "עדיין לא זכיתי להכיר אתכם בפועל..." עס איז נישט דא וואס צו קענען בפועל; דער עיקר איז נעמען די עצות און די שכל פון רבי'ן, און לעבן מיט דעם, און דאס אריין ברענגן אין די גאנצע וועלט.

איך האף דיר צו זען אין אומאן ביים הייליגן רבינ'ס ציון ראש השנה מיט גאנץ כלל ישראל; דאס יאר קומסטו צום רבי'ן מיט פילע הענט, אז דו האסט זוכה געווען צו פארשפרייטן דעם רבינ'ס שכל, דעם רבינ'ס דעת און עצות, חיזוק ושמחה פאר טויזענטער מענטשן.

... טייערער, ליבער ברודער! דו ווייסט ווי חשוב אין הימל איז ווען א מענטש טראכט איין סקונדע פונעם אייבערשטן? דו ווייסט וואס א קליינע תנועה וואס א איד געבט, וואסערע רעש דאס מאכט אין הימל? ווער רעדט נאך אז מען איז מזכה נאך א איד זאל גיין אין שול לייגן טלית ותפילין וכו'.

איך בעט דיר ..., דראפע דיך און דערהאלט זיך, ווייל דיין זכות איז זייער גרויס, און דו וועסט זען גרויסע ניסים וואס דער אייבערשטער וועט מאכן מיט דיר.

זיי געזונט און שטארק, און זאלסט האבן הצלחה אין אלע דיינע ענינים.

...

~~~~~~~~~~~
~~~~~~~~~~~

בעזהשי"ת - יום ג' פרשת דברים, ב' מנחם אב, שנת תשע"ז לפ"ק

**לכבוד ... ני"ו**

מיר דארפן זיך זייער פרייען אז מיר ווייסן פונעם הייליגן רבי'ן, וואס איז אונז מחי' ומחזק; ער לערנט מיט אונז וואס משיח וועט לערנען מיט אונז - אז מיר זאלן וויסן אז אלעס איז דער אייבערשטער, און קיינער קען מיר גארנישט טון, נאר אלעס איז נאר פון אים.

געלויבט דעם אייבערשטן אז מיר האבן געקויפט א אייגענעם שטח אין אומאן פאר אלע תלמידי הישיבה; מען האט שוין געגראבן און מען האט שוין געגאסן דעם צווייטן פונדאמענט, און מארגן הייבט מען אן גיסן די ווענט. איך שיק דיר בילדער אז דו זאלסט זען ווי אזוי מיר ריקן זיך פאראויס.

ווען אלע תלמידי הישיבה וואלטן מיר געהאלפן - בעסער געזאגט זיך אליינס געהאלפן - וואלטן מיר שוין געקענט זיין דאס יאר ראש השנה אינעם נייעם בנין.

איך האב געשריבן פאר אלע תלמידים די בחורים אז זיי זאלן געבן לכל הפחות טויזענט דאללער, אבער פון די אינגעלייט דארף איך מער ווי טויזענט דאללער.

זיי געזונט און שטארק, און זאלסט האבן הצלחה אין אלע דיינע ענינים.

...

~~~~~~~~~~~

בעזהשי"ת - יום ד' פרשת דברים, ג' מנחם אב, שנת תשע"ז לפ"ק

**לכבוד ... ני"ו**

איך בעט דיר זייער דו זאלסט זיין פריילך, ווייל ווען א מענטש איז בשמחה איז ער מצליח, אזוי זאגט דער רבי (ספר המידות) "מִי שֶׁהוּא שָׂמֵחַ הוּא מַצְלִיחַ".
~~~~~~~~~~~

דער רבי זאגט אז ווען א מענטש איז בשמחה היט אים דער אייבערשטער אליינס אפ פון עבירות; אלע פראבלעמען קומען פון עצבות און מרה שחורה, און ווען א מענשט איז טרויעריג איז ער אין די הענט פונעם ס"מ, און פארקערט אויך, ווען א מענטש איז פריילין איז ער אין די הענט פונעם אייבערשטן, אזוי ווי חז"ל זאגן (שבת ל:; פסחים קיז.): "אֵין הַשְּׁכִינָה שׁוֹרָה אֶלָּא מִתּוֹךְ שִׂמְחָה שֶׁל מִצְוָה".

מוהרא"ש זאגט, ווי אזוי קען זיך א מענטש מעסטן צי ער איז אין די קדושה צי ער איז אין די הענט פון די קליפות? נאר אויב איז ער פריילין איז ער ביי די קדושה, ווייל ביים אייבערשטן שטייט "עֹז וְחֶדְוָה בִּמְקוֹמוֹ".

דערפאר שטארק דיר, און זיי פריילין אז דו ביסט א איד און נישט קיין גוי, און זאלסט וויסן אז דער אייבערשטער האט דיך ליב מיט אלע דיינע פראבלעמען.

זאלסט האבן א פרייליכן טאג.

...

~~~~~~~~~~

בעזהשי"ת - יום ה' פרשת דברים, ד' מנחם-אב, שנת תשע"ז לפ"ק

**לכבוד ... ני"ו**

ווען דער רבי איז אוועק געפארן פון ברסלב קיין אומאן און ער איז געשטאנען ביי די מזוזה מיט די האנט אויף די מזוזה, האט דער רבי געזאגט פאר אלע אנשי שלומינו בזה הלשון: "אויב איר וועט זיך האלטן צוזאמען, וועט איר מיך קענען ממשיך זיין צו אייך"; זעט מען אז דער רבי האט זייער געוואלט אז מען זאל זיין באחדות און זיך האלטן צוזאמען.

לגבי וואס שרייב איך דיר דאס, ווייל געלויבט דעם אייבערשטן אז מיר זענען דא אין קעמפ "מחנה ברסלב" דעם ניינטן זומער צום גוטן; מיר האבן אנגעפאנגען מיט א מנין משפחות, ועתה שמך ה' אלקיך לרוב - מיר זענען דא אין קעמפ צענדליגער
~~~~~~~~~~

משפחות, נאר פאר איין ציל, אז מיר זאלן האבן א מקום וואו מיר קענען אויפציען אונזערע קינדער אזוי ווי מוהרא"ש ז"ל האט אונז איבערגעגעבן פון הייליגן רבי'ן.

מיין גרעסטע נחת איז, ווען איך הער אז עס איז דא אחדות צווישן די מענער און צווישן די פרויען; איך בעט יעדן טאג דעם אייבערשטן די תפילה וואס רבי אליעזר פלעגט בעטן נאך שמונה עשרה, אזוי ווי חז"ל זאגן (ברכות טז): "ר' אֱלְעָזָר בָּתַר דִּמְסַיֵּים צְלוֹתֵיהּ, אָמַר הָכִי: יְהִי רָצוֹן מִלְּפָנֶיךָ ה' אֱלֹהֵינוּ, שֶׁתַּשְׁכֵּן בְּפוּרֵינוּ אַהֲבָה וְאַחְוָה וְשָׁלוֹם וְרֵעוּת, וְתַרְבֶּה גְּבוּלֵנוּ בְּתַלְמִידִים", ער האט געבעטן אז עס זאל זיין ליבשאפט צווישן זיינע תלמידים, ווייל אז עס איז דא ליבשאפט און שלום קען מען זייער אסאך אויפטון. חז"ל זאגן (ילקוט שמעוני, עמוס, רמז תקמח): "איין שטעקן קען מען צעברעכן, אבער א גאנצע בינטל קיינעס קען מען נישט צעברעכן".

עס איז באוואוסט די מעשה וואס דער רבי האט דערציילט, אז עס איז געווען א קעניג וואס ער האט פארלאנגט פון זיין מדינה אז מען זאל אפשניידן תבואה ביז א געוויסע צייט, למעשה האבן זיי נישט געפאלגט דעם קעניג און דער קעניג איז געווארן זייער ברוגז, איז געקומען א חבר פונעם קעניג און ער האט געזאגט פאר די מענטשן פון דער מדינה אזוי: "איך האב אן עצה פאר ענק, אז איר זאלט נישט ווערן באשטראפט פונעם קעניג, דער קעניג האט זייער ליב א געוויסע סארט פייגל, אויב איר וועט כאפן די פייגל אין דאס ברענגען פארן קעניג, וועט דער קעניג אייך מוחל זיין".

האבן אלע זיך גענומען צו דער ארבעט, מען האט געטראפן דעם פייגל און מען האט געוואלט ארויף קריכן איינער אויפן אנדערן צו כאפן דעם פייגל, האבן זיי זיך אנגעפאנגען צו קריגן, יעדער איינער האט געטענה'ט 'איך וויל נישט זיין פון אונטן, וואס אויף מיר וועט יעדער איינער טרעטן', יעדער האט געזאגט 'איך בין מער פון דיר, איך וויל טרעטן אויף דיר, איך וויל זיין פון אויבן - דער וואס וועט כאפן דעם פייגל', אזוי האבן זיי זיך געקריגט איינער מיטן צווייטן, ביז דער פייגל איז אוועק געפלויגן, און דער קעניג האט זיי אלע באשטראפט.

ווען מוהרא"ש האט דערציילט די מעשה האבן אלע געהאט א הרהור תשובה; מוהרא"ש האט אויסגעפירט דעם נמשל אזוי: דער קעניג איז דער הייליגער באשעפער, און די בני המדינה דאס זענען מיר אידן וואס דער אייבערשטער האט אונז געבעטן מיר זאלן זיין ערליך און הייליג, אפגעהיטן פון עבירות; און למעשה זענען מיר אראפ געפאלן - יעדער איינער אין זיין בלאטע, יעצט קומט דער רבי און זאגט: איך האב אן עצה פאר ענק אז איר זאלט נישט באשטראפט ווערן, דער קעניג האט זייער ליב א פייגל וואס דאס איז דער צדיק, און אז מען וועט כאפן דעם פייגל און אים פארשפרייטן אויף דער וועלט וועט דער קעניג אייך מוחל זיין, הייבט זיך א קריגעריי, ווער איז מער און ווער איז ווייניגער, ביז דער פייגל פליט אוועק.

ווען מיר אלע זאלן נאר זוכן ווי אזוי מיר קענען פארשפרייטן פאר נאך א איד די עצות און שכל וואס דער רבי געבט אונז, ווען מיר אלע זאלן נישט זוכן יענעמס חסרונות, נאר זוכן די מעלות פון יעדן איינעם, און נאר טראכטן 'וואס קען איך טון צו כאפן דעם פייגל און אים ברענגען צום קעניג', וואלטן מיר שוין געקענט אינגאנצן ארויס גיין פונעם גלות.

דערפאר טייערער ..., עס ליגט אויף אונז א חובת השעה אז מיר זאלן עוסק זיין אין הפצה - יעדער אויף זיין אופן; איינער קען גיין מבית לבית מיט ספרים וקונטרסים, סידיס וכו'; איינער קען ארויס שיקן אויף אימעיל וכו' דרשות התחזקות; און אזוי נאך זאכן - יעדער אויף זיין אופן. געדענק, דאס איז אונזער איינציגסטער תיקון אויף דער וועלט און אויף יענער וועלט.

מען האט היינט געדרוקט דעם לוח פאר תשע"ח הבעל"ט; אויך האט מען יעצט איבערגעדריקט דעם ספר ארך אפים אין אידיש, און א נייעם קונטרס "צושנייד מיר נישט" - דאס איז דער הספד וואס מוהרא"ש האט געזאגט אויף הילד לייבי קלעצקי ע"ה; נעם א בינטל פון די ספרים און קונטרסים און גיי הפצה, שעם דיך נישט, ווייל עס איז נישט קיין בושה צו גיין הפצה, עס איז א בושה צו טון עבירות, עס איז א בושה פאר א אינגערמאן צו זיצן אין שטוב מיט א סמארט-פאון בשעת זיין ווייב און קינדער

ווארטן אז דער טאטע/דער מאן זאל רעדן מיט זיי, און זיי אויסהערן; שעמען זאלן זיך די מענטשן וואס זענען פארנומען מיט געלט פיר אין צוואנציג שעה, און טראכטן נישט אז איין טאג וועט קומען צו זיי דער מלאך מיט די טויזנט אויגן און זיי צו נעמען פון אלע זיינע הייזער און פארמעגן וכו' וכו'.

הפצה איז די שענסטע זאך אויף דער וועלט; א מענטש וואס קען וועט זיצן אין שטוב פארברענגען מיט זיינע קינדער, אבער ער מאכט אפ ביי זיך: 'ניין! איך גיי יעצט ראטעווען אידישע נשמות, איך גיי יעצט קלאפן ביי הייזער און מזכה זיין נאך מענטשן מיט ליכטיגע עצות אז זיי זאלן זיך קענען מחי' זיין', הפצה איז נישט קיין שלעפערישע זאך - ווי א טייל מענטשן קוקן דאס אן (אפילו אין היכל הקודש), הפצה איז א זאך וואס ווייזט אז דער מענטש געבט אוועק פון זיך, עס גייט אים נישט אן ווי אזוי דו קוקסט מיר אן, קוק מיר אן ווי אזוי דו ווילסט, מיר גייט גארנישט אן, איך וויל נאר איין זאך - העלפן אידישע קינדער אז זאלן צוריק קומען צום אייבערשטן!

חז"ל דערציילן (בבא מציעא פה.): רבינו הקדוש איז כסדר ארום געגאנגען זוכן וואו עס זענען דא קינדער פון צדיקים וואס זענען נעבעך ארויס לתרבות רעה; ער האט זייער שיין גערעדט מיט זיי, ביז ער האט זיי צוריק געברענגט צום אייבערשטן. איינמאל האט ער געהערט אז אן אייניקל פון רבי שמעון בן יוחאי - א זון פון רבי אלעזר, איז נעבעך אראפ געפאלן אין ביטערע עבירות, אין שמוץ; האט ער אים גענומען און שיין גערעדט מיט אים, ביז ער איז געווארן א צדיק, אזוי האט ער געטון מיט אסאך אידישע קינדער, און זיי צוריק געברענגט צום אייבערשטן.

דאס זאלסטו וויסן, אויב דו דארפסט א ישועה, און דו זוכסט א איד וואס קען מבטל זיין א שלעכטע גזירה, זאלסטו גיין צו איינער וואס איז זיך מוסר נפש צוריק צו ברענגען אידישע קינדער צום אייבערשטן, וואס דאס איז איינער וואס גייט הפצה, און זיין לעבן איז הפצה; אזוי זאגן חז"ל (בבא מציעא, שם): "כָּל הַמְלַמֵּד אֶת בֶּן עַם הָאָרֶץ תּוֹרָה, אֲפִילּוּ הַקָּבָּ"ה גּוֹזֵר גְּזֵירָה - מְבַטְּלָהּ בִּשְׁבִילוֹ", נאך זאגן חז"ל (שם): "כָּל הַמְלַמֵּד אֶת בֶּן חֲבֵירוֹ תּוֹרָה - זוֹכֶה וְיוֹשֵׁב בִּיְשִׁיבָה שֶׁל מַעְלָה".

איך האף אז דו וועסט אוועק ווארפן דיין שלעכטע בושה און אנהייבן גיין הפצה, און נאר זוכן ווי אזוי מיר קענען לעבן באהבה ואחוה ושלום וריעות.

זיי געזונט און שטארק, זאלסט האבן הצלחה אין אלע דיינע ענינים.

...

~~~~~~~~~~~

בעזהשי"ת - יום א' פרשת ואתחנן, ז' מנחם-אב, שנת תשע"ז לפ"ק

**לכבוד ... ני"ו**

איך בעט דיר זייער אז דו זאלסט זיך שטארקן מיט אמונה, און אפילו עס זעט אויס ווי קיינער קוקט נישט אויף דיר, און מען דארף דיר נישט; דו שפירסט ווי מען איז דיר מרחק וכו', דאך זאלסטו געדענקען וואס דער רבי זאגט (ליקוטי מוהר"ן, חלק ב', סימן מח) אז ווען א מענטש וויל ווערן נאנט צום אייבערשטן איז מען אים מרחק, און מען שפירט ווי מען איז אליין וכו', אבער באמת - זאגט דער רבי - איז דאס התחזקות, ווייל מען וויל זען ווי דער מענטש ווערט באמת נאנט צום אייבערשטן.

זע אריין צו כאפן אביסל תורה יעדן טאג; עס גייט אריבער א טאג נאך א טאג, א וואך נאך א וואך, א חודש נאך א חודש, די יארן פליען אוועק כצל עובר - ווי א שאטן וואס גייט אוועק, און חז"ל זאגן (בראשית רבה צו, ב): נישט ווי א שאטן פון א וואנט, און נישט ווי דער שאטן פון א בוים, נאר די יארן גיין אוועק ווי א שאטן פון א פייגל וואס פליהט; און נאר דאס ביסל תורה וואס מיר לערנען דאס בלייבט איבער.

זיי געזונט אין שטארק, און זאלסט האבן הצלחה אין אלע דיינע ענינים.

...

יואל ראטה

~~~~~~~~~~~

בעזהשי"ת- יום ב' פרשת ואתחנן, ח' מנחם-אב, שנת תשע"ז לפ"ק

**לכבוד ... ני"ו**

היינט איז ערב תשעה באב; היינט נאכט גייען מיר זאגן די מגילת איכה און מיר גייען קלאגן אויפן חורבן בית המקדש.

דער רבי זאגט (ליקוטי מוהר"ן, חלק ב', סימן סז) אז ווען מען קלאגט אויפן חורבן בית המקדש וויינט מען נישט אז אמאל איז געווען א חורבן, נאר מען וויינט אויפן היינטיגן חורבן, אז מיר זענען חרוב ונחרב, מיר זענען ווייט פונעם אייבערשטן, און מיר זענען אזוי אריין געטון אין אונזערע תאוות רח"ל.

בנוגע צו לערנען שיעורים כסדרן; מוהרא"ש ז"ל האט זיך געפירט נאכמיטאג נאך מנחה צו לערנען די שיעורים כסדרן, און אזוי האט מוהרא"ש מיר געזאגט, אז איך זאל זאגן פאר די בחורים אז מען קען לערנען פון נאך מנחה אלע שיעורים וואס מען לערנט יעדן טאג.

דער אייבערשטער זאל העלפן אז מיר זאלן זוכה זיין ארויס צו גיין פון אונזער אייגענעם גלות, און מיר זאלן העלפן אונזערע אידישע קינדער ארויס צו גיין פון זייער גלות; עס ברענט א פייער, און יעדע רגע ווערן נאך בחורים און מיידלעך פארברענט, און עס ליגט אויף אונז א חובת השעה אז מיר זאלן זיי ראטעווען.

דערפאר בעט איך אלע מיינע טייערע תלמידים זאלן ארויס גיין הפצה, מזכה זיין אידישע קינדער, יעדער איינער אויף זיין אופן און אויף זיין וועג.

דאס איז דער ריכטיגער וועג ווי אזוי מיר קענען פאררעכטן וואס מיר האבן געזינדיגט

דער אייבערשטער זאל אונז אויסלייזן פון גלות, און שיקן משיח צדקינו במהרה בימינו אמן.

...

~~~~~~~~~~

בעזהשי"ת - יום ב' פרשת ואתחנן, ח' מנחם-אב, שנת תשע"ז לפ"ק

**לכבוד ... ני"ו**

איך האב דערהאלטן דיין בריוו.

עס איז דא אן הלכה אין הלכות יום כיפורים (יומא פג.; אורח חיים סימן תרי"ח, סעיף א) אז אויב א מענטש זאגט אז ער דארף אויספאסטן יום כיפור, אפילו עס שטייען דארט דאקטורים און זאגן אז ער דארף נישט עסן, דארף מען אויס הערן דעם חולה ווייל (משלי יד, ד): "לֵב יוֹדֵעַ מָרַת נַפְשׁוֹ"; דערפאר אז דיין ווייב זאגט אז זי דארף האבן איינעם מיט וועם זיך דורך צו שמועסן, דארפסטו איר העלפן און איר דאס געבן.

עס ווערט גע'פסק'נט (שולחן ערוך אבן העזר הל' כתובות, סימן עט, סעיף א; ו־ג) אז אלע צרכי רפואה דארף דער מאן צושטעלן פאר זיין ווייב; פארשטייט זיך נישט מיט קיין שלעכטע באנעמונג, נאר מיטן גאנצן הארץ.

דערפאר טייערער ברודער, אז דו שרייבסט מיר אז איך האב דיר געהאלפן ביז אהער און דו ווייסט צו מיר אז דו האלסט מער נישט אויס פון דיין ווייב וכו'; בעט איך דיר זייער אז דו זאלסט זיך אריין לייגן מיט דיין גאנצע הארץ איר צו העלפן, זוך אויף פאר איר א גוטע טערעפיסט, און גיי מיט מיט איר, און העלף איר, ווייל אז זי שרייט און וויינט אז זי דארף הילף, דארפסטו איר דאס געבן.

מי לנו גדול פון מוהרא"ש ז"ל וואס האט געוויינט און געשריגן אז אויב זיין ווייב וועט נעמען טריטמענטס פאר די ביטערע מחלה רח"ל, וועט מוהרא"ש אוועק גיין פון דער וועלט, און נאכדעם וועט זי אוועק גיין; מוהרא"ש האט זיך געבעטן ביי יעדן איינעם וכו' וכו', אבער ווען זי האט זיך איינגע'עקשנ'ט און גע'טענה'ט אז זי וויל דייקא יא נעמען קימא טערעפי, האט מוהרא"ש איר געהאלפן אז זי זאל דאס קענען טון, און נישט סתם געהאלפן, נאר מוהרא"ש ז"ל האט מיר יעדן טאג גערופן צו איך
~~~~~~~~~~

קען צושטעלן א קאר מיט א דרייווער, און עס האט ממש אויס געזען ווי איינער וואס פייט פאר זיין אייגענע לעבן.

דערפאר מיין ליבער טייערער ברודער, יעצט ווען מיר שטייען ערב תשעה באב, ווען מיר קלאגן אויפן חורבן בית המקדש וואס דאס איז געקומען צוליב שנאת חינם (יומא ט:), און חז״ל זאגן (יומא סט:): ״וַעֲדַיִן מְרַקֵּד בֵּינָן״, דארפן מיר זיך איבער בעטן איינער מיטן צווייטן און אכטונג געבן אויף יענעמס פילינגס וכו׳; זאג פאר דיין ווייב אז דו וועסט איר העלפן טרעפן א טערעפיסט וואו זי קען גיין זיך אויס רעדן איר יוגענט, דו דארפסט איר פארשטיין אז זי איר אריבער א שווערע יוגענט; אירע עלטערן האבן איר געפייניגט, און עס איז א נס אז זי איז נאך נארמאל, און זי האט כח צו די קינדער וכו׳.

איך בעט דיר, עקשן דיך נישט, האב אויף איר רחמנות, ווען דו וועסטו האבן א שיינעם לעבן. מען קען נישט באצוואונגען א ווייב זאל טראכטן אזוי ווי דיר, חז״ל זאגן (תוספתא ברכות, פרק ו): ״כְּשֵׁם שֶׁאֵין פַּרְצוּפֵיהֶן שָׁוִין, כַּךְ אֵין דֵעוֹתֵיהֶן שָׁווֹת״; זיי נישט פאר׳עקש׳נט, און בייג איין דיין קאפ, נאר דו וועסט האבן ריווח פון דעם, ווייל דו וועסט האבן א פריילעכע ווייב, א געזונטע ווייב.

איך בעט דיר, רעדט צו איר שיין, און זיי ווארעם צו איר; זאג איר: ״איך גיי טון אלעס אויף דער וועלט אז דו זאלסט זיין פרייליך״. און אז דו וועסט איר מכבד זיין וועסטו האבן גרויס שפע.

בלייב מיר געזונט, איך ווארט אז דו זאלסט מיר שרייבן יעדן טאג אפאר שורות וואס עס טוט זיך, ווייל איך וויל אז דו זאלסט האבן א גוטע לעבן; זיי נישט ברוגז אז איך שרייב דיר אז דו זאלסט איר איבער בעטן, ווייל איך וויל נאר דיין גוטס.

א גוטן טאג און א גרינגע תענית.

...

~~~~~~~~~~~
~~~~~~~~~~~

בעזהשי"ת - יום ב' פרשת ואתחנן, ח' מנחם-אב, שנת תשע"ז לפ"ק

**לכבוד ... ני"ו**

איך האב ערהאלטן דיין בריוו

איך האב זייער הנאה צו הערן אז דו הערסט אויס די שיעורים פון ישיבה און דו האסט אנגעפאנגען צו לערנען אויפן סדר דרך הלימוד פון הייליגן רבי'ן; דער רבי האט געזאגט פאר איינעם (עיין שיחות הר"ן, סימן יז): "איינמאל די תורה וועט דיר ווייזן איר פנים, וועסטו שוין גארנישט דארפן"; און דאס זעט מען בחוש, אז ווען א מענטש איז זוכה צו לערנען שיעורים כסדרן על פי סדר דרך הלימוד פון רבי'ן (שיחות הר"ן סימן עו), דארף ער שוין גארנישט, ווייל ווען ער האט אפאר איבעריגע מינוט, נעמט ער א משניות, אדער א גמרא, און ער איז גורס פרקים משניות און דפים גמרא.

בנוגע וואס דו פרעגסט מיר צי דו זאלסט ווייזן פאר דיינע קינדער קליפס ווי די בחורים זינגען; עס איז זיכער נישט כדאי, ווייל קינדער האבן א ריינע מח און ווען זיי הייבן אן קוקן קליפס און ווידיאוס וכו' וכו', נעמט עס אוועק פון זיי זייער ריינקייט וכו'; אמאל האט מען געוויזן ביי אונז אין מוסד פאר די קינדער וכו', און מוהרא"ש האט זייער מקפיד געווען אויף דעם, און ער האט מיר געשריבן א בריוו, אז מהיום והלאה זאל איך מער נישט ווייזן פאר קינדער קיין שום ווידיאוס און קליפס וכו' וכו'.

דאס וואס מען לייגט ארויף די ניגונים און דרשות אויף די כלים, דאס איז אן אנדערע זאך; נעבעך הונדערטער טויזענטער אידישע קינדער זיצן אויף די אינטערנעט טאג און נאכט, און דאס איז נאך א וועג ווי אזוי מען קען זיי צוריק ברענגען צום אייבערשטן, אבער יונגע קינדער איז נישט כדאי זיי צו ווייזן וכו'.

אדרבה, צינד זיי אן די סידי"ס; זאלן זיי דאס הערן א גאנצן טאג, און דאס וועט אריין לייגן אין זיי יראת שמים, ווייל יעדע ניגון איז נאכאמאל אמונה און נאכאמאל תשובה, מיר האבן שוין ברוך השם ארויס געגעבן צענדליגער סידיס פון תשובה און פון אמונה.

א גוטן טאג.

...

~~~~~~~~~~

בעזהשי"ת - יום ד' פרשת ואתחנן, י' מנחם-אב, שנת תשע"ז לפ"ק

**לכבוד ... ני"ו**

זיי נישט קיין נאר, און פארברענג נישט דיינע נעכט מיט כלומר'ישע חברים וואס דו וועסט פון זיי גארנישט האבן לבסוף; אנשטאט פיסטעווען מיט כלומר'ישע חברים גיי אהיים און פארברענג מיט דיין משפחה וואס זיי זענען דיינע אמת'ע פריינט.

געדענק וואס מוהרא"ש האט געהאלטן אין איין חזר'ן מיט אונז אלע יארן: "א מענטש האט נישט קיינעם אויף דער וועלט, אויב האט ער יא איינעם, איז עס דאס ווייב"; עס איז אן עקל און א גרויל צו זען ווי אזוי אינגעלייט פארן אויף וויקעישן מיט זייערע חברים, און לאזן איבער די ווייב אין שטוב. דער אייבערשטער האט דיר געהאלפן אז דו האסט חתונה געהאט דארפסטו זיין אין שטוב און פארברענגען מיט איר.

מוהרא"ש ז"ל פלעגט זאגן: "איך בעט ענק איר זאלט מיר גלייבן; קוקט אויף מיין בארד, איך האב דאס שוין געזען און געלערנט אויף מיין בארד - אז מען דארף אכטונג געבן פון מענטשן וכו'".

דערפאר בעט איך דיר טייער ליבער ..., פארברען נישט קיין צייט ביינאכט מיט כלומר'ישע חברים, גיי אהיים. דריי דיך נישט אויפן גאס ביינאכט; אדער גיי שלאפן אדער שמועס מיט דיין ווייב אדער לערן אין שטוב, ווייל אז מען קוקט צוריק דערזעט מען זיך אז עס איז אריבער א יאר, און מען דארף זיך מאכן א חשבון: "וואס האב איך געטון דעם יאר? וואס האב איך געטון די אלע נעכט? וואס בלייבט מיר אין מיין האנט?"
~~~~~~~~~~

זיי געזונט און האב הצלחה.

...

~~~~~~~~~~~

בעזהשי"ת - יום ה' פרשת ואתחנן, י"א מנחם-אב, שנת תשע"ז לפ"ק

**לכבוד ... ני"ו**

דער רבי האט דערציילט אז ווען ער איז געווען א קליין קינד און זיין מאמע די גרויסע צדיקת פייגא האט געקעמט זיין האר, און עס האט זייער וויי געטון, האט ער קיינמאל נישט געשריגן, ווייל ער האט שוין דעמאלט פארשטאנען אז אויף דער וועלט דארף מען ליידן; דער רבי זאגט (ליקוטי מוהר"ן, חלק ב', סימן קיט): "מענטשן זאגן אז עס איז דא 'עולם הזה'; אפשר איז אויך דא אויבן אין הימל א וועלט וואס הייסט 'עולם הזה', ווייל דא איז נישט דא אזא זאך ווי עולם הזה, דא איז דער גיהנום אליין".

דער הייליגער רבי זאגט (עיין קיצור ליקוטי מוהר"ן, חלק א', סימן ו): "וְהָעִקָּר מַה שֶּׁקּוֹרִין זִיךְ דֶערְהַאלְטְן"; דאס איז דער גאנצער רבי, דער רבי שטארקט אונז אז מיר זאלן נישט אויפגעבן, דער רבי לערנט אונז אויס אז אפילו מען האט א שווערע טאג, א שווערע וואך, א שווערע איבערגייעכטס, זאל מען נישט אנטלויפן, נאר דורך שטופן, און מיט די צייט וועט שוין בעסער ווערן.

דער רבי זאגט (חיי מוהר"ן, סימן שיד): "הַפְּחוּת שֶׁבַּאֲנָשַׁי אֲנִי מוֹלִיךְ אוֹתוֹ בְּדֶרֶךְ שֶׁל צַדִּיק גָּדוֹל מְאֹד", דעם קלענסטן פון מיינע מענטשן פיר איך אויף דעם וועג ווי גרויסע צדיקים גייען; ווייל דער רבי ברענגט אריין אין אונז אז מיר זאלן לעבן מיטן אייבערשטן, יעדע זאך וואס גייט איבער זאל מען פארציילן פארן אייבערשטן, און ווי מער א מענטש געוואוינט זיך צו צו רעדן צום אייבערשטן, ווערט אים זיין מח מער ריין און אויס געקלארט.
~~~~~~~~~~~

נאך האט דער רבי געזאגט (שם, סימן שלב): "אֲנִי נָהָר הַמְטַהֵר מִכָּל הַכְּתָמִים", איך בין א טייך וואס רייניגט פון אלע שמוציגע פלעקן; פאר דעם אליין - אז מיר ווייסן פון אזא רבי, דארפן מיר שוין זיין זייער פריילין, און אז מען פאלגט דעם רבי'ן מיט התבודדות און מיטן סדר דרך הלימוד ווערט מען ריין.

זיי געזונט און שטארק, און זאלסט האבן הצלחה אין אלע דיינע ענינים.

...

~~~~~~~~~~

בעזהשי"ת - יום ה' פרשת ואתחנן, י"א מנחם-אב, שנת תשע"ז לפ"ק

**לכבוד ... ני"ו, גבאי בית המדרש היכל הקודש בלאמינגראוו נ.י.**

איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

מוהרא"ש האט אמאל דערציילט אז ער איז געווען תשל"ו אין די ברסלב'ער שול אין מאה שערים, און ערב ראש השנה האט איינער געברענגט לעקיך און בראנפן צו געבן תיקון נאכן דאווענען, און הרה"ח ר' לוי יצחק בענדער ז"ל איז צוגעגאנגען צו דעם איד און אים פארגעהאלטן דערויף, פאר צוויי סיבות; איינס אז דער רבי האט נישט געלאזט טרינקען בראנפן א גאנץ יאר, און צווייטנס אז דער רבי האט געוואלט מען זאל פאסטן ערב ראש השנה ביז חצות, אזוי ווי עס שטייט אין שולחן ערוך (אורח חיים, סימן תקפ"א, סעיף ב): "נוֹהֲגִין לְהִתְעַנּוֹת בְּעֶרֶב רֹאשׁ הַשָּׁנָה".

דערפאר זאלסטו זייער אכטונג געבן אז אין היכל הקודש זאל נישט זיין קיין בראנפן; פארשטייט זיך אז מען דארף וויסן ווי אזוי צו רעדן צו פרישע מקורבים, מען דארף זיי דאס געבן צו פארשטיין שיינערהייט, און זיי ווייזן וואס דער רבי זאגט (ליקוטי מוהר"ן, חלק ב', סימן כו): "עַל־יְדֵי שִׁכְרוּת שׁוֹכְחִין כָּל הַמִּצְוֹת", אז מען טרינקט און מען שיכור'ט זיך אן, פארגעסט מען פונעם אייבערשטן, און אזוי רעדן צו זיי ביז זיי וועלן פארשטיין.
~~~~~~~~~~

ליידער זעט מען לעצטענס אז זייער אסאך אינגעלייט טרינקען זיך אן שבת; זיי גייען פון איין שול צום צווייטן זוכן וואו עס איז דא פונעם ביטערן טראפ, און מען גייט צו חברים וואו מען טרינקט זיך אן, נאכדעם קומט מען צו ניבול פה און צו ביטערע עבירות רחמנא לצלן; אנשטאט דער אינגערמאן זאל אהיים גיין צו זיין ווייב און קינדער פארברענגען מיט זיי - די איין מאל א וואך וואס דער יונגערמאן האט אביסל צייט צו זיין אין שטוב, אבער אנשטאט דעם גייט אוועק דער שבת מיט טרינקען.

דער עיקר זאלסטו זען אז אין בית המדרש זאל זיין א דרך ארץ, מען זאל נישט שמועסן ביים דאווענען, און דו זאלסט יעדן איינעם מקבל זיין בסבר פנים יפות, אזוי וועסטו האבן גרויס הצלחה.

דער אייבערשטער זאל העלפן אז דו זאלסט מצליח זיין אין אלע דיינע וועגן.

...

~~~~~~~~~~~

בעזהשי״ת - ערב שבת קודש פרשת ואתחנן - נחמו, י״ב מנחם-אב, שנת תשע״ז לפ״ק

**לכבוד ... ני״ו**

איך בעט דיר זייער שטארק אז דו זאלסט זיך האלטן רואיג און פריילך אין שטוב; שלמה המלך זאגט (משלי טו, א): ״מַעֲנֶה רַּךְ יָשִׁיב חֵמָה״, ווען מען רעדט ווייעך און שיין נעמט מען אוועק דעם כעס; ווען איינער שרייט הויך, אויב מען ענטפערט אים שטיל און שיין, ווערט יענער אויך בארואיגט. דערפאר בעט איך דיר אז דו זאלסט רעדן שיין אין שטוב, און פרוביר צו קוקן מיט א גוט אויג אויף דיין ווייב, זוך נישט קיין חסרונות אין איר, און זוך נישט ווי דו קענסט טרעפן אין איר א פעלער, ווייל אז דער אייבערשטער האט דיר געגעבן די ווייב, איז עס א חלק פון דיר - ״עֶצֶם מֵעֲצָמַי״ (בראשית ב, כג).
~~~~~~~~~~~

איך וויל דיר בעטן אז דו זאלסט נישט נוצן דיין טעלעפאן אין שטוב; צענדליגער אידישע שטובער זענען שוין חרוב געווארן נאר וועגן דעם. אז דו דארפסט האבן א טעלעפאן פאר דיין ביזנעס - דאס איז איין זאך, אבער אין שטוב טאר מען נישט אריין ברענגען דעם סמארט-פאון, דאס רייסט אויס די יראת שמים פון די קינדער און עס נעמט אוועק די שלום בית.

איך בעט דיר זייער שטארק מיין טייערע ..., נעם אן מיינע ווערטער וואס קומט ארויס פון מיין הארץ; איך האב אזוי סאך אוועק געגעבן פאר מיינע תלמידים, נאר צו זען אביסל נחת, און ווען איך זע ווי אינגעלייט דערהאלטן זיך, און גייען אן מיט זייערע שיעורים, און איך באקום בריוו פון זייערע ווייבער ווי זיי שרייבן וואסערע שיינע לעבן זיי האבן, דאס געבט מיר כח ווייטער אנצוגיין.

וואס דו דארפסט זאלסטו נאר בעטן פונעם אייבערשטן, געוואוין זיך צו צו אויסשמועסן דיין הארץ אויף פראסט אידיש; זאג פארן אייבערשטן אלע דיינע ווייטאגן, און אלעס וואס באדערט דיר, וועסטו האבן א גרינגע שיינע לעבן.

נאכאמאל, זע צו העלפן אין שטוב, און נישט צוריק ענטפערן ווען מען שרייט אויף דיר, וועט די שכינה רוען ביי דיר אין שטוב.

א גוט שבת.

...